STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11059

VALDISHE SHTIBELEKH

Vitalii Bianki

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וויטאַלי ביאַנקי

וואַלדישע שטיבעלעך

א מאַיסעלע

איבערגעזעצט פֿון רוסיש נ. ג—ליק



ווייסרוסלענדישער מעלוכע-פֿאַרלאַג
מינסק — 1928

גלאַווליטבעל 625.   באַשטעלונג 312.   טיראַזש 3000.

מינסק, 1-טע דרוקעריי פֿון ווייסרוסלענדישן מעלוכע-פֿאַרלאַג.

וואלדישע שטיבעלעך

הויך איבערן טייך, איבערן מעשופּועדיקן באַרג האָבן זיך געטראָגן שוועלבעלעך בּרעגיקע, געיאָגט זיך איינע נאָך די אַנדערע מיט בּרום און מיט פּיפּס—געשפּילט אין באהעלטעניש.

און געווען איז אין זייער מאַכנע איינער אַ קליי־נינקער בּרעגיקער—אַזאַ פֿלינקינקער: [מ׳האָט אים בּעשום אויפֿן ניט געקאָנט דעריאָגן—פֿון אַלעמען זיך אויסגעדרייט.

גיט אַ יאָג זיך נאָך ־אים אַ באַהעלטערל און ער—אַהין, אַהער, אַראָפּ, אַרויף, אינדערזייט זיך אַ וואָרף געטאָן, אַזוי פֿליען זיך צולאָזט,—נאָר זיינע פֿליגעלעך שווינדלען.

פלוצלונג — פֿונוואַנען האָט זיך גענומען — עס שוועבּט אַ פֿאַלק. זיינע אויסגעבּויגענע, שפּיציקע פֿליגלען פֿאָכן מיט אַ פֿייף.

האָבן זיך איבערגעשראָקן די שוועלבעלעך: אַלע צעשאָטן זיך—ווי ווער—אין איין רעגע צעפֿלויגן זיך די גאַנצינקע מאַכנע זייערע.

און דער פֿלינקינקער בריגיקער איז אַנטלאָפֿן פֿון פֿאַלק, ניט אומקוקנדיק זיך—אַריבער דעם טייך, אַריבער דעם וואַלד און אַריבער די אָזערע.

שוין אַ צוי שרעקלעכער באַהעלטערל איז געווען דער פֿאַלק!

איז דער קלייניקע בריגיקער געפֿלויגן, געפֿלויגן,— פֿון די קויכעס זיך אַרויסגעשלאָגן.

אומגעקערט זיך אַף הינטער—קיינער ניטאָ, רונד אַרום זיך אומגעקוקט—אַ געגנט אַן אומבאַקאַנטער, אַ קוק געטאָן אונטן—אונטן רינט אַ טייך, נאָר ניט דער אייגענער, אַ פֿרעמדער גאָר אַזאַ.

האָט זיך דערשראָקן דער בריגיקער.

אַהיים דעם וועג האָט ער ניט געדענקט: ווי האָט ער געקאָנט געדענקען, אַז ער האָט זיך געטראָגן אָן אַ זיקאָרן פֿאַר שרעק?



און אָוונט איז געקומען—באַלד נאַכט.

— וואָס טוט מען?

איז געוואָרן קאַלאַמוטנע דעם קלייניקן ברעגיקן.

איז ער אַראָפּגעפּלויגן, אונטן געזעצט זיך אַפן ברעג און ביטער צעוויינט זיך.

פּלוצלונג זעט ער: עס לויפט פאַרביי אים איבערן זאַמד אַ קלייניקע געלע פייגעלע מיט אַ שוואַרצן האַלדזטיכל אַפן האַלדז.

האָט זיך דערפרייט דער ברעגיקער און פרעגט באַ דעם געלן פייגעלע:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי זאָל איך טרעפן אַהיים?

— און וועמעס ביסטו?—פרעגט דאָס געלע פייגעלע.

— איך ווייס ניט—ענטפערט דער ברעגיקער.

— וועט דאָך דיר שווער זיין דיין היים צו אָפּזוכן—רעט דאָס געלע פייגעלע—די זון וועט באַלד זיך פאַרקייקלען, פינצטער וועט ווערן. בלייב בעסער באַ מיר



נעכטיקן. מיך רופט מען רעגנפייפערל און מיין שטיבל איז אָט דאָ דערביי.

דער רעגנפייפערל איז אָפגעלאָפן עטלעכע טריט און מיטן שנאָבל אָנגעוויזן אַפן זאַמד. דערנאָך האָט ער זיך אַ ביסל גערירט, געטאָן זיך אַ וויג אַף די דינינקע פיסעלעך און געזאָגט:

— אָט איז מיין שטיבל, גיי אַריין!

האָט אַ קוק געטאָן דער ברעגיקער: רונד אַרום — זאַמד און שטשיפּקעלעך. קיין שטוב איז ניטאָ.

— דו זעסט דען ניט? — האָט זיך פאַרוווּנדערט רעגנפייפערל — אָט אַהער קוק, ווו עס ליגן די אייער צווישן שטיינדעלעך.

דער ברעגיקער האָט קוים־קוים באַמערקט: פיר אייער אין טונקלבראָנע שפּרינקעלעך ליגן איינע נעבן די אַנדערע אַפן זאַמד צווישן די שטשיפּקעלעך.

— נו, וואָס?—פרעגט רעגנפייפערל—געפעלט דיר ניט מיין שטוב?

דער ברעגיקער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן: זאָל ער זאָגן, אַז דאָס איז ניט קיין שטוב, וועט דער באַ-לעבאָס זיך באַליידיקן.

איז אָט, זאָגט ער צו אים:

— ניט געוואָינט בין איך צו שלאָפן אַף דער פריי-ער לופט, אַף דעם היילן זאַמד, ניט אונטערגעבעט.

— אַ שאָד, וואָס דו ביסט ניט געוואָינט—זאָגט רעגנפייפערל—טאָ פלי זיך אַהין, צו יענעם וועלדל פון די שטעכלקעס, פרעג דאָרט אָפן טויב מיטן נאָמען וויטיוטיען. אַ שטוב איז באַ אים מיט אַ דיל. און באַ אים וועסטו נעכטיקן.

— אַ אַדאַנק — האָט דער ברעגיקער זיך גע־פרייט.

און אַוועקגעפלויגן איז ער אין וועלדל פון די שטעכלקעס.

דאָרט האָט ער גאָר גיך אויפגעזוכט די וואַלדישע טויב וו.טיוטיען און געבעטן באַ איר אַ נאַכטלעגער.

נעכטיק, אויב עס געפעלט דיר מיין שטובעניו— האָט געזאָגט וויטיוטיען.

און אַ שטוב איז באַ וויטיוטיען!—איין איינציקער דיל און דער אויך ווי אַ רעשעטע,—אין היילע לעכער.



פאָשעט, אָנגעוואָרפן ווי ניט איז ריטעלעך אַף צווייגן. אַף די ריטעלעך ליגן ווייסינקע טויבישע אייער. אונטן זעט מען זיי: לויכטן זיך דורך אַפן לע־כערדיקן דיל.

האָט זיך פאַרווונדערט דער ברעגיקער:

— אין אייער שטוב—זאָגט ער צו וויטיוטיענען—איז פאַראַן נאָר א דיל, אַפילע קיין ווענט ניטאָ—ווי זשע שלאָפט מען אין איר?

וואָס זשע—זאָגט וויטיוטיען—אויב דו דארפסט אַ שטוב מיט ווענט, טאָ פלי זיך, זוך זיך אוף איוועלען. דאָרט וועט דיר געפעלן ווערן.

און וו:טיוטיען האָט דערציילט דעם בּרעגיקן, ווי אַ:וועלעס שטוב צו געפינען,—אין וועלדל, אַף דער סאַמע שענסטער בעריאָזע.

איז אַוועקגעפלויגן דער בּרעגיקער אין וועלדל.

און אין וועלדל—די בעריאָזעס, איינע שענער פאַר דער אַנדערער.

האָט ער געזוכט און געזוכט א:וועלעס שטוב און, ענדלעך, דערזען: אַף אַ בעריאָזע־צווייג הענגט אַ פי־צינק גרינינק שטיבעלע. אַזאַ באַקוועם שט:בעלע, ענלעך אַף אַ רויז, אויפגעמאַכט פון דינינקע גראָע פאַפיר־בלעטעלעך.

„ס׳אַראַ קליינינק שטיבעלע איוועלעס איז!—האָט אַ טראַכט געטאָן דער בּרעגיקער—אַפילע מיך וועט עס נ:ט אַריינעמען”.

ווי נאָר ער האָט געוואָלט אָנקלאַפן—ערשט פון שטיבל פליען אַרויס בינען.

אַ דריי זיך געטאָן, אַ זשום געטאָן,—באַלד וועלן זיי אַ ביס טאָן.

האָט דער בּרעגיקער זיך דערשראָקן און אַוועק־געפלויגן.

פאַרשוווּנדן צווישן דעם גרינעם געבּלעטער.

פלוצלונג—

עפּעס אַ גאָלדנס אַ שוואַרצס האָט אַ בּלאַנק גע־טאָן פאַר זיינע אויגן.



פליט ער צו נעענטער, זעט ער: אַף אַ צווייג זיצט אַ גאָלדערנער פייגל מיט שוואַרצע פליגלען.

— וווּהין איילסטו זיך, קליינינקער?—שרייט דער גאָלדענער פייגל צום ברעגיקן.

— איוועלעס שטוב זוך איך—ענטפערט דער ברע־גיקער.

— איוועלע—דאָס בין איך—זאָגט דער גאָלדענער פייגל—און מיין שטוב איז אָט דאָ, אַף דער שענסטער בעריאָזע.

דער ברעגיקער האָט זיך אָפגעשטעלט און אַ קוק געטאָן אַהין, וווּהין איוועלע האָט אים אָנגעוויזן. צו ערשט האָט ער גאָרנישט געקאָנט באַמערקן: אַלץ נאָר גרינע בלעטער און ווייסע בעריאָזע־צווייגן.

נאָר ווען ער האָט זיך איינגעקוקט, האָט ער אַזש אַ געשריי געטאָן.

הויך איבער דער ערד, זעט ער הענגט אַ גריניק געפלאָכטן קערבעלע.

און דער ברעגיקער זעט, אַז דאָס איז אינדערע־מעסן אַ שטיבעלע—אַזוי קונציק אויסגעפלאָכטן פון פלאַקס און שטענגעלעך, הערעלעך, וואָלינקעס און דינינקן בעריאָזע־שאָלעכצל.

— אָך!—זאָגט דער ברעגיקער צו איוועלען—בע־שום אויפן בלייב איך ניט אין אַזאַ וואַקלענדיקער געביי. עס וויגט זיך אום און פאַר מיינע אויגן דרייט זיך אַלץ, ווי אין אַ ראָד... דער ווינט מיטן קוק קאָן

דאָס נאָך אַף דער ערד אַראָפּבלאָזן. אויך קיין דאַך איז בּאַ אייך ניטאָ.

— טאָ גיי זיך צו שוימעלען—זאָגט צו אים אַ בּאַ־ליידיקטע דאס גאָלדענע איוועלע.—אויב דו האָסט מוירע צו שלאָפן אַף דער פרייער לופט, וועט דיר מיסטאָמע געפעלן ווערן בּאַ אים, אין אַ ביידעלע, אונטער אַ דעכעלע.



און דער בּרעגיקער איז אַראָפּגעפלויגן צו שוי־מעלען.

דאָס קליינינקע גרינינקע שוימעלע האָט געוואָינט טאַקע דערבּיי, אַפן גראָז, אונטער דער זעלבּער בּעריאָזע, וווּ ס׳איז געהאַנגען איוועלעס לופּטנדיק ווי־געלע.

דעם בּרעגיקן איז זייער געפעלן געוואָרן זיין בּיידעלע פון טרוקענעם גראָז און פון מאָך.

— „אַך, ווי גוט! האָט ער זיך דערפרייט—דאָ איז פאַראַן אַ דיל און ווענט, און אַ דאַך, און אַן אויסבעט

פֿון ווײַכע פֿעדערלעך. גאָר אַזוי ווי בײַ אונדז אינ־דערהיים!״

און ליבלעך האָט שוימעלע אָנגעהויבן צו אײַנלייגן אים שלאָפֿן.

פלוצלונג האָט די ערד הינטער אים אָנגעהויבן ציטערן און הודזען.

האָט זיך פֿאַרצאַפּלט דער ברעגיקער, זיך אײַנ־הערנדיק.

נאָר שוימעלע זאָגט צו אים:

— דאָס שפּרינגען פֿערד דאָרט אין וועלדל.

— און דאָס דעכל אײַערס—פֿרעגט דער ברעגי־קער - וועט אויסהאַלטן, ווען אַ פֿערד מיט אַ קאָפּיטע וועט אַרופֿטרעטן אַף אים?

שוימעלע האָט נור אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און גאָרנישט געענטפֿערט אַף דעם.

— אָך, ווי שרעקלעך דאָס איז! — האָט געזאָגט דער ברעגיקער, אַרויספֿליענדיק פֿון בײדעלע—דאָ וועל איך אַ גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג ניט צו מאַכן: וועל טראַכטן אַלץ, אַז מען וועט מיך צעקוועטשן. בײַ אונדז אינדערהיים איז רויִק: קיינער וועט אַף דיר דאָרט ניט אַרופֿטרעטן און אַף דער ערד ניט אַראָפּ־וואַרפֿן.

— אָט ווי! בײַ דיר איז, קענטיק, אַזאַ שטוב, ווי בײַ דעם טײַכפֿויגל—האָט געוואָלט טרעפֿן שוימעלע—

באַ אים איז די שטוב ניט אַף אַ בוים—דער ווינט וועט אים ניט אַראָפּבלאָזן, און אויך ניט אַף דער ערד— קיינער וועט אים ניט צעטרעטן. אויב דו ווילסט, באַ־גלייט איך דיך אַהיים.

— איך וויל!—האָט געזאָגט דער ברעגיקער.

און זיי זיינען אַוועקגעפלויגן צום טייכפויגל.

צוגעפלויגן צו דער אָזערע און זעען: אין מיטן וואַסער אַף אַ אַטשערעט־אינדזעלע זיצט אַ גרויסקע־פּיקער פויגל. באַם פויגל אַפן קאָפּ—פעדערן שטאַרצן אַרויס, גלייך ווי הערנערלעך.

דאָ האָט שוימעלע מיטן ברעגיקן זיך צוזעגנט און אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל באַם הערנערדיקן פויגל בעטן זיך נעכטיקן.

האָט אַ פלי געטאָן דער ברעגיקער און זיך אַראָפּ־געלאָזט אַפן אינדזעלע. זיצט און וווּנדערט זיך: אַ אינדזעלע, דוכט זיך, אַ שווימענדיקס. עס שווימט זיך איבערן אָזערע אַ הייפל טרוקענע אָטשערעט. אין מיטן הייפל—אַ גריבעלע, און די דעק אין גריבעלע—אויס־געבעט מיט ווייכן, פייכטן גראָז, אַפן גראָז—דעם טייכפויגלס אייער, צוגעדעקט מיט לייכטע, טרוקענע אָטשערעט-שטעקלעך.

און דער טייכפויגל אַליין מיט די הערנער זיינע זיצט אַפן אינדזעלע באַם ראַנד, פאָרט אום אַף זיין שיפעלע איבער דער גאַנצער אָזערע.

דערציילט דער ברעגיקער דעם טייכפויגל, ווי ער האָט דאָס געזוכט און ניט געקאָנט געפינען אַ נאַכט־לעגער און ער בעט זיך באַ אים אַף נעכטיקן.

— און אַף די וועלן צו שלאָפן האָסטו ניט מוירע?— פרעגט דער טייכפויגל.

— וועט דען אַייער שטוב ניט אָפּשטעלן זיך נעכ־טיקן באַם ברעג?

— מיין שטוב איז דאָך ניט קיין דאַמפער—זאָגט דער טייכפויגל—וווהין עס טרייבט אים דער ווינט, אַהין שווימט ער. אַט אַזוי וועלן מיר זיך וויגן אַף די וועלן, אַ גאַנצע נאַכט.

— איך האָב מוירע—שטאַמלט דער ברעגיקער— איך וויל אַהיים—צו דער מאַמען.

איז דערצאָרנט געוואָרן דער טייכפויגל.

— אַט—זאָגט ער—ס'אַראַ אויסקלייבער דו ביסט! דיר קאָן מען גאָר ניט צוטרעפן! טאָ פלי זיך, זוך זיך אויף דיין שטוב, וואָס דיר געפעלט.

און דער טייכפויגל האָט פאַרטריבן דעם ברעגיקן.

און דער ברעגיקער איז אַוועקגעפלויגן.

פליט און וויינט.

די נאַכט איז שוין אָנגעשטאַנען: פאַרגאַנגען איז די זון און פינצטער שוין.

איז אַריינגעפלויגן דער ברעגיקער אין אַ געדיכטן וואַלד, זעט ער: אַף אַ הויכער שטעכלקע, אַף אַ דיקן סוק איז אויסגעבויט אַ שטוב, דורכויס פון ריטער



און פֿון שטעקעלעך,—אַ קײלעכדיקע, און אינעװײניק שטעקט מאָך אַרױס—אַ װײכע, אַ װאַרעמע.

— אָט איז אַ גוטע שטוב!—טראַכט ער—אַ פֿעסטע און מיט אַ דאַך!

און דער קלײנינקער בריגיקער איז צוגעפֿלױגן צו דער גרױסער שטוב, אָנגעקלאַפּט מיטן שנאָבעלע אין װענטל און בעט מיט אַ טרױעריקער שטים:

— לאָזט אַרײַן, איך בעט אײַך, באַלעבאָס, איבער־נעכטיקן.

װי עס רוקט זיך דאָס אַרױס פּלוצלונג פֿון שטוב אַ געלע כאַישע מאָרדע, מיט אױסגעשטרעקטע װאָנצן, מיט געלע צײנער.

און װי די כאַיע גיט דאָס אַ מרוק:

— פֿון װעלכער צײט קלאַפּן זיך דאָס פֿױגלען באַנאַכט, בעטן זיך נעכטיקן באַ װעװערקעס אין שטוב.

איז װי אָפּגעשטאָרבן דער בריגיקער, איז אים דאָס האַרץ װי אַ שטײן אײַנגעפֿאַלן. האָט ער זיך אַ קער געטאָן צוריק, אַרופגעשװעבט צום װאַלד אױן, ניט אומגעקוקטערהײט—טוז!—די פֿלײטע געמאַכט.

געפֿלױגן, געפֿלױגן—פֿון די קױכעס זיך אַרױסגע־שלאָגן. אומגעקערט זיך אױף הינטער—קײנער ניטאָ. רונד אַרום אומגעקוקט זיך—אַ געגנט אַ באַקאַנטע. אַ קוק געטאָן אונטן—אונטן רינט אַ טײַך, זײַן טײַך—דער אײגענער.



האָט ער זיך, ווי א פייל, אַ וואָרף געטאָן אונטן צום טייך און פון דאָרט—העכער, צום מעשופּועדיקן באַרג.

און פאַרשווונדן.

און אין בארג—לעכער, לעכער און לעכער. דאָס אַלץ זיינען שוואַלבן־נעסטן.

און אין איינעם פון זיי האָט זיך אַריינגעשמוגלט דער ברעגיקער. אַריינגעשמוגלט און אַ לאָף געטאָן

איבערן לאַנגן-לאַנגן, שמאָלן־שמאָלן קאָרידאָר, צו־
געלאָפֿן ביזן עק און אַריינגעשוועבט אין אַ גראַמען
קיילעכדיקן צימער.
די מאַמע האָט דאָ לאַנג געוואַרט אַף אים.
זיס געשלאָפֿן האָט זיך אין יענער נאַכט דעם מידן
קליינינקן ברעגיקן בײַ זיך אַף דעם ווייכן, וואַרעמען
אויסבעט פֿון גרעזעלעך, פֿערדישע האָר און פֿעדערן.



אַ גוטע נאַכט!